# כ׳האָב, מלכּה׳לע, אַ ליד פֿאַרפֿאַסט

כ׳האָב, מלכּה׳לע, אַ ליד פֿאַרפֿאַסט
און דערצו געמאַכט אַ ניגון:
„דער חלום ווייזט אונז גילדענע בערג
און צום סוף איז עס אַ ליגן״.

אַ ראיה האָסטו, מלכּה׳לע,
אָט בין איך דאָ אַנימלט,
זיצנדיק ביים גלעזל וויין,
ביים טישל איינגעדרימלט.

האָט מיר דער פֿויגל פֿלאַטער־פֿלי
אויף זיינע גילדענע פֿליגל
געבראַכט אַ בריוועלע פֿון דיר
פֿאַר׳חתמ׳עט מיט אַ זיגל.

און אַז איך האָב עס אויפֿגעמאַכט
און אָנגעפֿאַנגען לעזן,
איז עס נישט קיין בריוו געווען
נאָר דו ביזט עס געוועזן.

אַ שלאַנקע, מיט צעלאָזטע האָר,
ביזטו פֿאַר מיר געשטאַנען
און ס׳האָבן הינטערן פֿענסטער זיך
צעצוויטעט די קאַשטאַנען.

האָסטו געזאָגט: „אוי, וועלוול קרוין,
וואָס כ׳האָב זיך אָנגעליטן" —
און ס׳האָט דער אַלטער ליפּע־בוים
אויף ס׳ניי גענומען צוויטן.

האָב איך געזאָגט: „גוט, מלכה׳לע,
גוט, וואָס דו ביזט געקומען"
און כ׳האָב מיט מיינע ביידע הענט —
דעם טיש אַרומגענומען.

האָט זיך די שענקערקע צעלאַכט:
„וואָס האָט זיך אייך געטראָפן?
איר זענט, ווייזט אויס, הער ערנקראַנץ
ביים טישל איינגעשלאָפן".

בין איך אַוועק אין מיין האָטעל
און גענומען טינט און פעדער
און כדי פאַר היינט און אַלע מאָל
זאָל וויסן עס אַ יעדער.

האָב איך דאָס שיינע ליד פאַרפאַסט
און דערצו געמאַכט אַ ניגון —
דער חלום ווייזט אונז גילדענע בערג
און צום סוף איז עס אַ ליגן.